**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/29/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער HOCHUL (האקול) מוטיגט ניו יארקער צו "טראכטן גרויס, קויפט איין קליין!" דורכאויס די האלידעי איינקויף סעזאן

***שטיצנדיג לאקאלע ביזנעסער אויף שבת, נאוועמבער 30, און א גאנצע יאר פארשטערקערט קאמיוניטיס און לאקאלע עקענאמיעס***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמוטיגט ניו יארקער צו שטיצן לאקאלע ביזנעסער דורכאויס די האלידעי איינקויף סעזאן דורך אינטערשטרייכן די קריטישע ראלע וואס ניו יארק'ס קליינע ביזנעסער שפילן אין אויפבויען לעבהאפטיגע קאמיוניטיס לענגאויס די סטעיט. אויף נאוועמבער 30, וועט ניו יארק אפצייכענען קליינע ביזנעסער שבת (Small Business Saturday) צו פייערן די באדייטענדע ווירקונג וואס קליינע ביזנעסער האבן אויף לאקאלע עקענאמיעס לענגאויס די סטעיט. אין עהרע פונעם טאג. נעמט גאווערנער Hochul (האקול) די געלעגנהייט צו ארויסברענגען וויאזוי אויסוועלן לאקאלע פארקויפער, רעסטוראנטן און סערוויס פראוויידער שאפט א כוואליע ווירקונג פון עקענאמישע וואוקס לענגאויס ניו יארק'ס קאמיוניטיס.

"יעדער איינקויפונג ביי א לאקאלע געשעפט אדער פאמיליע-געאייגנטע ביזנעס האט א ווירקונג לענגאויס אונזער געגנטער, שאפנדיג דזשאבס און געלעגנהייטן וואס פארשטערקערן די שטאף פון אונזער קאמיוניטיס," **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "אלס א טאכטער פון א קליינע ביזנעס אייגנטומער, האב איך צוגעזען ערשטהאנטיג וויאזוי די ביזנעסער סערווירן אלס אנקערס פון די לעבן פון די קאמיוניטי. די האלידעי סעזאן און אויף קליינע ביזניסער שבת, מוטיג איך ניו יארקער צו אינוועסטירן אין זייער קאמיוניטיס דורך איינקויפן לאקאל - ווייל ווען אונזער קליינע ביזנעסער בליען, בליעט גאנץ ניו יארק."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישינער Hope Knight (האופ נייט) האט זאגט,** "יעדער בליענדע מעין סטריט ביזנעס דערציילט א געשיכטע פון סוקסעס פון א קליינע ביזנעס. דורך אויסוועלן צו איינקויפן לאקאל, פארשטערקערן אונז די ביזנעסער צו בליען, מעכנדיג זיכער אז אונזער געגנטער פארבלייבן לעבהאפטיג און שטאנדהאפטיג. די ביזנעסער טוען מער ווי טרייבן אונזער עקענאמיע - זיי שאפן ערשטע דזשאבס פאר יונגע מענטשן, ברענגען נייע געדאנקען אין יעדער סעקטאר, און האלטן אן די אייגנארטיגע כאראקטאר פון אונזער קאמיוניטיס. דורך געצילטע אינוועסטירונגען און סטראטעגישע שטיצע, ארבעט עמפייר סטעיט דעוועלאפמענט צו פארזיכערן אז ניו יארק פארבלייבט די הויפט דעסטינאציע פאר ביזנעסלייט צו אנפאנגן, וואקסן און פארווירקליכן זייער חלומות."

**ניו יארק סטעיט לעיבאר קאמישינער Roberta Reardon (ראבערטע רערדאן) האט געזאגט,** "קליינע ביזניסער זענען א וויכטיגע טייל פון ניו יארק סטעיט'ס עקענאמישע עקא-סיסטעם. פון ארבעטסקראפט אויפנעמונג ביז אויסנוצן שטייער קרעדיטס און בענעפיטן, טוט די דעפארטמענט אוו

לעיבאר פארשלאגן א רייכע אויסוואל פון ריסורסן צו העלפן די ביזנעסער בליען אין די גלאבאלע עקענאמיע. איך מוטיג ניו יארקער צו ווייזן זייער שטיצע דורך איינקויפן אין איינע פון די טויזענטער קליינע ביזנעסער לענגאויס די סטעיט דורכאויס די האלידעי סעזאן און ווייטער."

**דעפארטמענט פון שטייער און פינאנץ אקטיווע קאמישאנער Amanda Hiller (אמאנדא הילער) האט געזאגט,** "מיר זענען דאנקבאר פאר די ביישטייערונגען פון קליינע ביזנעס אייגנטומער נישט נאר די וויקענד, נאר דורכאויס די יאר. עס איז די מערסט דינאמישע סעקטאר פון אונזער עקענאמיע - א סעקטאר וואס ניו יארק סטעיט שטיצט מיט א ברייטע אויסוואל פון שטייער קרעדיטס און בענעפיטן."

**ניו יארק סטעיט אגריקולטור קאמישאנער ריטשארד א. באל (Richard A. Ball) האט געזאגט,** "פארמער און קליינע ביזנעסער לענגאויס ניו יארק סטעיט ארבעטן שווער א גאנצע יאר צו שאפן געשמאקע עסנווארג, שיינע געשאנק פראדוקטן און באַטעמ'טע געטראנקן צוגעפאסט פאר יעדער צייט. ווען ניו יארקער קויפן איין לאקאל דורויס די האלידעי סעזאן און אויף קליינע ביזנעסער שבת, טוען זיי נישט נאר אינוועסטירן אין בעסטע-קוואליטעט פראדוקטן געמאכט דורך שווער-ארבעטנדע מענטשן, נאר זיי טוען אויך שטיצן די אגריקולטורישע עקענאמיע."

קליינע ביזנעסער שבת פייערט די אינאוואציע און איבערגעגבנקייט פון קליינע ביזנעס אייגנטומער, מוטיגנדיג ניו יארקער צו שטיצן לאקאלע געשעפטן און סערוויסעס דורכאויס די ווירבלנדע האלידעי סעזאן. קליינע ביזנעסער - וואס זענען באשטימט אלס די וואס פארמאגן ווייניגער פון 100 ארבעטער - שטעלט פאר 98 פראצענט פון אלע ביזנעסער אין די סטעיט, געבנדיג ארבעט פאר נאנט צו 40 פראצענט פון די פריוואטע-סעקטאר ארבעטסקראפט. אין די פארקויפונג סעקטאר אליינס, איז ניו יארק די היים פאר איבער 71,000 געשעפטן מיט כמעט 79 פראצענט- אומגעפער 55,000 - וואס זענען זעלבסטשטענדיגע לאקאלע פארקויפער. די ביזנעסער זענען וויכטיגע עקענאמישע מאטארן, ביישטייערנדיג 40.1 מיליאן דאלער אין ווערדזשעס אין 2023 און געשאצט צו פארשאפן 507 ביליאן דאלער אין סעילס אין 2024, צושטעלנדיג איבער 20.3 ביליאן דאלער פאר סטעיט סעילס שטייער איינקונפט. פון ניו יארק'ס קליינע ביזנעסער, זענען ארום 8.1 פראצענט פארקויפער, פאמירנדיג א וויכטיגע טייל פון אונזער לאקאלע עקענאמיעס אזוי זיי שטיפן קאמיוניטי וואוקס, טוישן די אויסזען פון געגנטער און האלטן ביליאנער דאלארן זיך דרייען אינערהאלב אונזער קאמיוניטיס.

אינטער גאווערנער Hochul's (האקול'ס) פירערשאפט, טוט ניו יארק סטעיט ווייטער פריאריטאזירן די וואוקס און רייכטום פון קליינע ביזנעסער דורך א פארשידענארטיגע אויסוואל פון איניציאטיוון און פראגראמען. זיין אריינגיין אין אפיס, האט די גאווערנער אנגעפאנגען א צאל פראגראמען געאייניגט פאר קליינע ביזנעסער, געבנדיג הונדערטע מיליאנען דורך די עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט צו שטיצן ענטרעפעניורשיפ, סטימולירן אינאוואציע און פארזיכערנדיג אז קליינע ביזנעסער האבן די שטיצע נויטיג צו זיין ערפאלגרייך.

עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פארשטערקערט וואוקס פון קליינע ביזנעסער דורך סטראטעגישע אינוועסטירונגען און אינאוועטיווע שטיצע פראגראמען וואס אדרעסירן די היינטיגע מארקעט שוועריגקייטן. דורך די סטעיט קליינע ביזנעס קרעדיט איניציאטיוו ( State Small Business Credit Initiative, SSBCI), האט ESD געגעבן נאנט צו 100 מיליאן דאלער צו העלפן ביזנעסלייט באקומען צוטריט צו קאפיטאל און פארברייטערן זייער אפעראציעס. ניו יארק'ס נעטווארק פון 26 ביזנעסלייט הילף צענטערן (Entrepreneurship Assistance Centers) שלאגט פאר וויכטיגע טעכנישע שטיצע און טרענירונג לענגאויס די סטעיט. אין צוגאב, האט ניו יארק סטעיט פארגרינגערט צוטריט צו ריסורסן דורך אירע דיגיטאלע ביזנעס עקספרעס פלאטפארמע (Business Express platform), פארבינדענדיג ביזנעסלייט מיט מיליאנען דאלארן אוועילעבל פאר פאונדינג געלעגנהייטן, שטייער איניציאטיוון און ספעציאַליזירטע

הילף פראגראמען געווידמעט צו שטיצן אינאוואציע און פארשנעלערן וואוקס אין יעדער ראיאן אין די סטעיט. לערנט וועגן ESD'ס קליינע ביזנעסער און אנדערע פראגראמען אויף esd.ny.gov.

די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו לעיבער שלאגט פאר א גרויסע צאל פון אומזיסטע סערוויסעס פאר ביזנעסער פון אלע גרויסקייטן, אריינגערעכנט טויזנטער דזשאב מעלדונגען אויף די NYSDOL וועבסייט, צוטריט צו צענדליגע טויזנטער פון קוואליפיצירטע קאנדידאטן אין אונזער טאלאנט רעזערוואר, קאריערע פעירס, צוגעפאסטע אויפנעמונגען און יומען ריסורסן בעראטונג סערוויסעס (Human Resources consultation services). איבער 25,000 ביזנעסער ארבעטן יעדער יאר מיט NYSDOL צו ארויפלייגן זייער דזשאבס, טרעפן די ריכטיגע קאנדידאטן, באקומען צוטריט צו אויפנעמונג און טרענירונג בענעפיטן, ערהאלטן ביזנעס שטייער קרעדיטס און בענעפיטן, באקומען הילף מיט איינס-אויף-איינס ארבעט געזעץ, זיכערהייט, געזונטהייט אויספאלגונג סערוויסעס און טרעפן פארשיקן אווערסיע סערוויסעס. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט: www.labor.ny.gov/business.

די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס שטיצט ניו יארק'ס אגריקולטור אינדוסטריע, וועלכע ענטהאלט כמעט 32,000 פארמס, 700 פארמער מארקעטס און פארם סטענדס און טויזנטער קליינע אגרי-ביזנעסער. די דעפארטמענט שטיצט פארמס און עסנווארג און געטראנקען ביזנעסער דורך צושטעלן קריטישע סערוויסעס וועס פארבעסערן זייער ביזנעסער און פארמערן פראדוקטיוויטעט, פארדינסטן און קאנקורענץ. עס שטעלט אויף צו דירעקטע רעקלאמירונג געלעגנהייטן דורך איניציאטיוון אזוויי די NYS געוואקסן & סערטיפייט (NYS Grown & Certified) פראגראם, וועלכע רעקלאמירט לאקאלע פלאנצער און פראדוצירער וואס נעמען אנטייל אין פארזיכערטע עסנווארג באהאנדלונג און ענווייראמענטאלע שטאנדהאפטיגקייט פראגראמען, זיי העלפן בעסער קאנקורירן אין די מארקעט פלאץ.

אין צוגאב, די טעיסט (Taste NY) פראגראם צייגט ניו יארק פארמער און עסנווארג און געטראנקען ביזנעסער ביי גרויסע פובליק אווענטן און ביי מער ווי 70 טעיסט NY לאקאציעס לענגאויס די סטעיט, אריינגערעכנט די סטעיט'ס וועלקאם צענטערן, וואו ניו יארקער קענען טרעפן געשאנקן פאר יעדער אויף זייער האלידעי איינקויף ליסטע. די טעיסט NY לאקאציעס לענגאויס די סטעיט צייגן אויך א אויסוואל פון געשאק פראדוקטן און געשאנק פעקלעך פאסיג פאר די האלידעיס. די מארקעטס זענען אנגעפולט מיט לאקאלע פראדוקטן געמאכט און פראדוצירט דורך ניו יארק פארמס און עסנווארג און געטראנקען פראדוצירער אייגנארטיג פאר די ראיאן וואו די וועלקאם צענטער געפינט זיך. פון לאקאלע, גארמעי עסנווארג פראדוקטן און לאקאל פראדוצירטע קרעפט געטראנקען ביז נייע פראדוקטן און אפילו באדען און ביוטי פראדוקטן, געשאנקן ביי געשעפטן לויפן אין פארשידענע מאסן און פרייזן און קענען זיי ספעציעל צוגעפאסט. קאסטומער קענען זיך פארבינדן מיט זייער נענסטע לאקאלע טעיסט NY לאקאציע פאר ספעציפישע פארשלאגן און איינצלהייטן. באזוכט Taste.NY.gov צו טרעפן אייער לאקאלע וועלקאם צענטער און טעיסט NY מארקעט.

די אנליין מארקעט פלאץ, *Shop*TasteNY, שלאגט פאר געלעגנהייטן צו איינקויפן ניו יארקער אגריקולטור פראדוקטן און געשאנקן פון די באקוועמליכקייט פון די היים. ניי איבערגעמאכטע, *Shop*TasteNY.com שלאגט פאר א אויסוואל פון פראדוקטן פון לענגאויס ניו יארק, פון האניג און דזשעמס ביז ציגן מילך זייפן, אפשפיגלנדיג יעדער ראיאנ'ס פארשלאגן. אנטיילנעמענדע פארטנערס און פראדוקטן ווערן געצייגט אויף א טוישנדע וועג צו פארזיכערן די פארשידנארטיגקייט פון די פראדוקטן ליניע און ראיאנער פארשטעלונג. אנגעהויבן פון בלעק פרייטאג, נאוועמבער 29 ביז סייבער מאנטאג, דעצעמבער 2, קענען קאסטומער באקומען 30 פראצענט אויף אלע פראדוקטן. אין צוגאב, פון דעצעמבער 3 ביז דעצעמבער 25, איינקויפער וועלן באקומען 25 פראצענט אויף זייער איינקויפונגען מיט די Happy Holidays פראמאושאן. ביטע נעמט אין אכט, ארדערס מוזן ווערן געמאכט ביז דעצעמבער 15 צו פארזיכערן דעליוועריִ פאר קריסטמעס. נאך קריסטמעס, קענען איינקויפער נאכאלס באקומען 20

פראצענט מיט די New Year New Vendors פראמאושאן, וועלכע איז גילטיג פון דעצעמבער 27 ביז יאנואר 4, 2025.

**וועגן צו שטיצן קליינע ביזנעסער יעדן טאג**

- **וועלט אויס לאקאלע פארקויפער** - וועלט אויס צו איינקויפן ביי זעלבסשטענדיגע געאייגנטע געשעפטן אין אייער קאמיוניטי. אייער שטיצע העלפט אנהאלטן לאקאלע דזשאבס און האלט געלט זיך דרייען אינערהאלב די לאקאלע עקענאמיע.
- **קויפט איין לאקאל אנליין** - אסאך געגנטער ביזנעסער שלאגן פאר אי-קאמערס אפציעס. זוכט אויב אייער לאקאלע געשעפטן האבן וועבסייטס אדער נעמען אנטייל אין דיגיטאלע מארקעט פלעצער וואס שטעלן צו לאקאלע דעליווערי אדער פיק-אפ.
- **קויף געשאנק קארטלעך** - איינקויפן געשאנק קארטלעך פון לאקאלע ביזנעסער—צו עס איז א באליבטע עסנווארג געשעפט, בוטיק אדער סערוויס פראווײַדער—געבט זיי באלדיגע שטיצע און מוטיגט צוקונפטדיגע באזוכן.
- פארזוכט פארמער מארקעטס - אפילו דורכאויס קאלטע חודשים, אסאך פארמער מארקעטס גייען ווייטער אן אינערוויינִיג, פארשלאגנדיג אייגנארטיגע לאקאל געמאכטע פראדוקטן. פון האנטגעמאכטע פראדוקטן ביז סעזאן עסנווארג, עס איז א גוטע וועג צו שטיצן לאקאלע פראצודירער.
- **קויפט איין פון טעיסט NY** - שטיצט ניו יארק׳ס פארמער, פראדוצירער, ארטיסאנס און קראפט מענטשן דורך באזוכן טעיסט NY וועלקאם צענטערן לענגאויס די סטעיט אדער *Shop*TasteNY.com. פארזוכט ספעציעל געמאכטע האלידעי געשאנק קערב און אייגנארטיגע ניו יארק געמאכטע פראדוקטן וועלכע ציִיגן ניו די בעסטע פון וואס לאקאלע ביזנעסער האבן צו פארקויפן.
- **עס לאקאל** - באזוכט אדער ארדער טעיקאאוט פון געגנטער רעסטוראנטן און קעפעיס. אייער שטיצע העלפט אנהאלטן די עסטעבלישמענטס און זייער דזשאבס וואס זיי שטעלן צו.
- **פארשפרייט די ווארט** - טיילט מיט אייער פאזעטיווע ערפארונגען מיט לאקאלע ביזנעסער אויף סאושעל מידיע און ריוויו פלאטפארמעס. פערזענליכע רעקאמענדאציעס זענען אומשאצבאר פאר קליינע ביזנעסער וואס זיכן צו פארברייטערן זייערע קאסטומער בעיס.
- **וועלט אויס געשעפט קרעדיט** - אויב איר דארפט צוריקגעבן א פראדוקט, נעמט אין באטראכט אנצונעמען געשעפט קרעדיטס אנשטאטס א ריפאונד.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן